NEW

# לקוטי שיחות

BESHALACH בשלח

VOLUME 1, P. 139–148

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# BESHALLACH I | בשלח א

Adapted from *sichos* delivered on *Yud Shvat,* 5718 (1958)

## Introduction

After the splitting of the Sea of Reeds and the drowning of the Egyptians, "Miriam took… the timbrel in her hand and all the women went out... with timbrels and dancing. Miriam led them in a choral chant, 'Sing unto G-d for He is exceedingly exalted.'"[1]

The women's pure joy emerged from the depths of pain they had endured in Egyptian exile. Pharaoh's harsh decrees, especially the command, "Every son that is born, cast him into the river,"[2] had struck the mothers with particular force. Since a mother's connection to her children runs deeper than a father's, there was no way to describe the extent of their anguish. Because their suffering cut so deep, their joy at their liberation was so powerful.

Building on this story in the *sichah* that follows, the Rebbe establishes a framework for understanding women's distinctive place in Jewish life, offering a prescient message about Jewish mothers' crucial role in facing contemporary cultural challenges. He describes the Egyptian bondage as more than a historical event, as a story about the way Jews must confront modern cultural pressures. How similar is Pharaoh's decree to "cast [children] into the river" to modern society's pressure to immerse Jewish youth in secular culture at the cost of their Torah heritage?

The Nile, Egypt's river, was the key to prosperity. Today, casting children into the river means prioritizing dreams of financial success above spiritual growth.

Jewish mothers share precious daily moments with their children; they carry a special duty to resist these cultural pressures. They must lead in preserving authentic Jewish education and values.

This *sichah* brings a message of hope, showing that by maintaining a steady commitment to Torah education despite societal pressures, parents can raise "descendants blessed by G-d."[3] True Jewish success, the Rebbe teaches, comes not from compromise with secular values but through a deep connection to Torah and its *mitzvos*.

What makes this *sichah* especially noteworthy is its timing – it was delivered in 5718 (1958). Well before other religious leaders or secular thinkers began recognizing women's unique potential and ability to assume leadership roles, the Rebbe was already highlighting these Torah-based truths.

---

1. *Shmos* 15:20-21.

2. *Shmos* 1:22.

3. Cf. *Yeshayahu* 61:9.

# A Woman's Sensitivity and Responsibility

## Why the Song of a Woman?

**1. Twenty years ago, on the last day of Pesach, 5698 (1938), my revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, discussed the *Haftarah* of this *Shabbos* in a *sichah*.**[1] **He quoted his great-grandfather, the *Tzemach Tzedek* who related that his grandfather, the Alter Rebbe, once posed the question: Why does the *Haftarah* of *Shabbos Shirah* ("the *Shabbos* of Song") specifically** quote **a song of a woman, Devorah, and not the song of** a man, **David,** although the latter **is read as the *Haftarah* of the seventh day of Pesach,** when the same portion of the Torah is read?

***Parshas Beshalach,*** which is read on *Shabbos Shirah,* **contains** both **Moshe's song,** one sung by **men, and** Miriam's **song, one sung by women.** It relates that **"Miriam took… the timbrel in her hand and all the women went out... with timbrels and dancing. Miriam led them in a choral chant, 'Sing unto G-d for He is exceedingly exalted.'"** [2]

Since both men and women sang on that occasion, **why specifically was the song of a woman, Devorah's song, chosen as the *Haftarah*** for this *Shabbos* and not David's song?

**In response to this** question, **the Alter Rebbe related a long story** concerning the merit of Jewish women (**printed in the above-mentioned *sichah*) and concluded:**

> **When the Jews left Egypt and crossed the sea on dry land and recited a song [of thanksgiving], the women also sang. [However, they did not merely sing;] they also went out "with timbrels and dancing," with [exuberant] joy.**

א. מִיט צְוואַנְצִיק יָאר צוּרִיק - אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח חצר"ת, הָאט כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר גֶערֶעדט אִין אַ שִׂיחָה[א] בְּנוֹגֵעַ דֶער הַפְטוֹרָה פוּן דֶעם שַׁבָּת.

עֶר הָאט דַאן דֶערְצֵיילְט אִין נָאמֶען פוּן זַיְין עֶלְטֶער־זֵיידְן - דֶעם צֶמַח צֶדֶק, אַז זַיְין זֵיידֶע - דֶער אַלְטֶער רֶבִּי, הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דִי קַשְׁיָא, פַאְרוָואס אִיז דִי הַפְטוֹרָה פוּן שַׁבָּת שִׁירָה דַוְקָא וַתָּשַׁר דְּבוֹרָה, אַ שִׁירָה פוּן אַ פְרוֹי, אוּן נִיט דִי שִׁירָה פוּן דָּוִד, ווִי דָאס אִיז דִי הַפְטוֹרָה פוּן שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח. אִין פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח אִיז דָא דִי שִׁירָה פוּן מַאנְסְבִּילְן: אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה גו', אוּן אוֹיךְ אִיז דָא דִי שִׁירָה פוּן פְרוֹיעֶן: וַתִּקַּח מִרְיָם גו' אֶת הַתֹּף בְּיָדָהּ וַתֵּצֶאןָ כָל הַנָּשִׁים גו' בְּתֻפִּים וּבִמְחוֹלוֹת, וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם שִׁירוּ לַה' כִּי גָאֹה גָּאָה. הַיְינְט פַאְרוָואס אִיז דִי הַפְטוֹרָה דַוְקָא דִי שִׁירָה פוּן אַ פְרוֹי, וַתָּשַׁר דְּבוֹרָה?

אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ לַאנְגְן סִיפּוּר (גֶעדְרוּקְט אִין דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶער שִׂיחָה) אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז ווֶען דִי אִידְן זַיְינֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין יַם אִין דֶער טְרִיקֶענִישׁ אוּן גֶעזָאגְט שִׁירָה הָאבְּן דִי פְרוֹיעֶן אוֹיךְ גֶעזָאגְט שִׁירָה, אָבֶּער דֶערְצוּ נָאךְ "בְּתֻפִּים וּבִמְחוֹלוֹת", מִיט שִׂמְחָה.

1. *Likkutei Dibburim,* Vol. 4, p. 701a. 2. *Shmos* 15:20-21. 3. *Shoftim* 5:1.

**This is the reason the *Haftarah* for *Shabbos Shirah* [begins], *Vatashar Devorah,* "Devorah sang."**[3]

**([The spiritual motif is reflected in the phrase,**[4]**] "Everything came from the earth." ["Earth" relates to] the *sefirah* of *malchus*** ("sovereignty") [which is identified with the feminine dimension].)

דֶערְפַאר אִיז דִי הַפְטוֹרָה פוּן שַׁבָּת שִׁירָה - וַתָּשַׁר דְּבוֹרָה. (הַכֹּל הָיָה מִן הֶעָפָר, סְפִירַת הַמַּלְכוּת).

## A More Heartfelt Experience

**2. On the surface, this requires clarification: Why did Moshe and the Children of Israel** – all **the men – not sing with the same joy** experienced **by Miriam and all the women?**

**The straightforward explanation is that when one receives something without experiencing laborious** struggle **and pain, he cannot possibly feel the same joy as** someone who previously **invested much exertion and endured difficult battles,** as our Sages state,[5] **"The reward corresponds to the painstaking** [effort invested]." **The greater the toil and anguish, the greater the happiness that comes afterwards.**

**When Pharaoh and the Egyptians were drowned in the sea and** the Jews **were freed from exile in Egypt, the Jews sang a song** of thanksgiving. At that time, **Moshe and the Jewish men could not** possibly **feel as great** a degree of **joy as experienced by Miriam and all the Jewish women. The reason is that the most severe dimension of the Egyptian exile and the cruelest decrees came after Miriam was born.** What was **the most difficult decree of all? "Every son that is born, cast him into the river."**[6]

**None of the difficulties** that the Jews had to bear **beforehand** – the hard **labor "with**

ב. אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז דִי שִׁירָה וָואס עֶס הָאבְּן גֶעזוּנְגֶען מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל - דִי מַאנְסְבִּילְן - נִיט גֶעוֶוען מִיט אַזַא שִׂמְחָה ווִי דִי שִׁירָה פוּן מִרְיָם אוּן כָּל הַנָּשִׁים - דִי פְרוֹיעֶן?

נָאר דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם - אִין פַּשְׁטוּת, ווַייל בְּשַׁעַת מֶען בַּאקוּמְט אַ זַאךְ אָן הָארֶעוואַנְיֶע אוּן אָן צַעַר, קֶען מֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט פִילְן דִי זֶעלְבֶּע שִׂמְחָה, ווִי בְּשַׁעַת מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיס מִי אוּן דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁווֶערֶע מִלְחָמוֹת. אוּן לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא[5], וָואס גְרֶעסֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר דִי יְגִיעָה אוּן צַעַר - אַלְץ גְרֶעסֶער אִיז דֶערְנָאךְ דִי שִׂמְחָה.

בְּשַׁעַת אִידְן הָאבְּן גֶעזוּנְגֶען שִׁירָה דֶערְפַאר וָואס פַּרְעֹה מִיט דִי מִצְרִיִּים זַיְינֶען דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארְן אִין יַם אוּן זֵיי זַיְינֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם, הָאבְּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע מֶענֶער נִיט גֶעקֶענְט פִילְן דֶערְבַּיי אַזַא שִׂמְחָה ווִי מִרְיָם מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.

וָוארוּם דָאס שְׁווֶערְסְטֶע פוּן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן דִי עֶרְגְסְטֶע גְזֵירוֹת זַיְינֶען גֶעקוּמֶען נָאכְדֶעם ווִי מִרְיָם אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן. אוּן דִי שְׁווֶערְסְטֶע גְזֵירָה אִיז גֶעוֶוען - כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ.

- אַלֶע שְׁווֶערִיקַיְיטְן וָואס זַיְינֶען גֶעוֶוען פְרִיעֶר, ווֶען אִידְן הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט "בְּחֹמֶר

4. *Koheles* 3:20.

5. *Avos* 5:21.

6. *Shmos* 1:22.

**mortar and bricks and all [sorts of] toil in the field, all their work that they [compelled] them to carry out with grueling effort"[7] – approached** the severity of **the decree to cast their newborn children into the river. After that, came** an even more cruel **decree: Pharaoh** ordered that **Jewish children** be slaughtered so **that he** could **bathe in their blood, as our Sages[8] relate.**

וּבִלְבֵנִים וּבְכָל עֲבוֹדָה בַּשָּׂדֶה אֵת כָּל עֲבוֹדָתָם אֲשֶׁר עָבְדוּ בָהֶם בְּפָרֶךְ", זַיְינֶען נִיט גֶעקוּמֶען צוּ דֶער גְזֵירָה פוּן אַרַיְינְוַוארְפְּן נַיי־גֶעבָּארֶענֶע קִינְדֶער אִין טַיְיךְ -

נָאכְדֶעם אִיז דָאךְ אוֹיךְ גֶעקוּמֶען - ווִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן[ח] - דִי גְזֵירָה אַז פַּרְעֹה זָאל זִיךְ בָּאדְן אִין דִי בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**A mother experiences all this** much **more** deeply **than a father. Therefore, when** the Jews **were** finally **rid of Pharaoh and his decrees, the joy of the Jewish women was far greater than the joy of the men.**

אַ מוּטֶער לֶעבְּט דָאס אַלְץ אִיבֶּער מֶער ווִי אַ פָּאטֶער. דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ בְּשַׁעַת מֶען אִיז פָּטוּר גֶעווָארְן פוּן פַּרְעֹה'ן מִיט זַיְינֶע גְזֵירוֹת, אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן גֶעווֶען פִיל גְרֶעסֶער ווִי דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מֶענֶער.

## Not a One-Time Event

**3. Like all the stories of the Torah, the story of the Exodus from Egypt – including Miriam and the Jewish women's song of joy "with timbrels and dancing"** – provides **lessons** and guidance **for all generations, including our generation.**

ג. ווִי אַלֶע סִיפּוּרִים פוּן תּוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער סִיפּוּר פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, ווֶעגְן דֶער שִׁירָה מִיט דֶער שִׂמְחָה "בְּתֻפִּים וּבִמְחוֹלוֹת" פוּן מִרְיָם'עֶן מִיט דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן - זַיְינֶען זֵיי אַלֶע אַ הוֹרָאָה אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת, אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר.

**This** eternal relevance **is alluded to by the verse,[9] "All the women went out after her."** This applies not only to all the women of her generation but to **all Jewish women for posterity.** They **follow in Miriam's** footsteps **and declare, "Sing to G-d because He is exceedingly exalted; He cast the horse and its rider into the sea."[10]**

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָּז אִין פָּסוּק: וַתֵּצֶאןָ כָל הַנָּשִׁים אַחֲרֶיהָ - אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת גֵייעֶן נָאךְ מִרְיָם'עֶן אוּן זָאגְן, שִׁירוּ לַה' כִּי גָאֹה גָּאָה סוּס וְרוֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם.

What are they saying? That **G-dliness and holiness are "exceedingly exalted," lofty to the extent that there can be nothing higher. "The horse and its rider" – entities that are the opposite of holiness and,** indeed, **do battle with holiness – were cast "into the sea."** They were flung **very deep into the sea, not just into its depths, but** – as the word **"cast"** implies – **were propelled very powerfully,** and thus they sank **low, to depths beyond which there are none.**

גֶ־טְלֶעכְקַיְיט אוּן הֵיילִיקַיְיט אִיז גָאֹה גָּאָה, הוֹיךְ ווָאס הֶעכֶער קֶען נִיט גֶעבְּן. אוּן זַאכְן ווָאס זַיְינֶען פַארְקֶערְט פוּן הֵיילִיקַיְיט, ווָאס הָאבְּן מִלְחָמָה מִיט הֵיילִיקַיְיט - סוּס וְרוֹכְבוֹ, אִיז רָמָה בַיָּם, טִיף נִידֶערִיק אִין יַם. נִיט סְתַּם נִידֶערִיק, נָאר רָמָה בַיָּם, גָאר אַ שְׁטַארְקְן ווָארְף אִין יַם, נִידֶערִיק ווָאס נִידֶערִיקֶער קֶען נִיט זַיְין.

---

7. Ibid. 1:14.

**8. *Shmos Rabbah* 1:34.**

9. *Shmos* 15:20.

10. Ibid. 15:21.

## Hijacking Our Children's Future

**4. On a previous occasion, Pharoah's decree, "Every son that is born, cast him into the river," was discussed.[11] The essential aspect of this decree exists in every generation and in every country, including our generation and our country.**

**When a Jewish child is born, our Jewish lifestyle** dictates **that, immediately upon his birth, he be educated in the path of Torah and its *mitzvos.*** At that time, **Pharaoh, "the king of Egypt" – in other words, the guiding ethos and prevailing culture of the country – appears and claims, "A child has been born. Eventually, he will** grow up, **marry and will need to be the provider for his home.** If so, there is no time to waste. **From his earliest childhood, he must be 'cast into the river' – i.e., the source from which** his **livelihood will be derived."** (In other words, the river is an analogy since **"the river" – the Nile – was the source of sustenance and the means of support for Egypt.)** Pharaoh, i.e., the prevailing culture, says that the child **should be immersed and** even **"drowned,"** submerged totally, **in the river.** His education and development should be solely focused on gaining the tools and skills necessary to earn a livelihood.

**But what will be with** the child's education in **the Torah and** its ***mitzvos*? Pharaoh answers, "For that, there are Sundays. On Sundays, the banks are closed; the stores are closed, etc. On the preceding night, the child will be taken to the movies and the like, but in the morning, the parents want to sleep until twelve. They don't mind if their child will go to Sunday school and learn – not only to sing and dance but even – Hebrew and *Chumash*.** This way **the parents can sleep peacefully** in a physical sense, reflecting the fact that, **in a spiritual sense** as well, **they are deeply sunk in** their **slumber.**

ד. מֶען הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶערֶעדט אַז דִי גְזֵירָה פוּן כָּל הַבֵּן הַיִלּוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ, אִיז דִי נְקוּדָּה פוּן אִיר, אִיר אִינְהַאלְט – פַאראַן אִין יֶעדְן דוֹר אוּן אִין יֶעדֶער מְדִינָה. אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער דוֹר אוּן אִין אוּנזֶער מְדִינָה[ד].

בְּשַׁעַת עֶס וֶוערְט גֶעבָּארְן אַ אִידִישׁ קִינְד, וָואס דֶער אִידִישֶׁער לֶעבְּנְס־סֵדֶר אִיז, אַז בַּאלְד וִוי אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבָּארְן הוֹיבְּט מֶען אִים גְלַייךְ אָן גֶעבְּן אַ דֶערְצִיאוּנְג פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, קוּמְט צוּגֵיין פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם, דָאס הֵייסְט דִי בַּעַל־הַבַּתִּי'שְׁקַייט פוּן דֶער לַאנְד, אוּן טַעֲנֶה'ט: עֶס וֶוערְט גֶעבָּארְן אַ אִינְגְל, וָואס מִיט דֶער צַייט וֶועט עֶר חֲתוּנָּה הָאבְּן אוּן דַארְפְן זַיין דֶער צוּשְׁטֶעלֶער פוּן פַּרְנָסָה אִין הוֹיז, דַארְף מֶען אִים שׁוֹין פוּן קִינְדְווַייז אָן אַרַיינְוָוארְפְן אִין טַייךְ וָואס גִיט פַּרְנָסָה (דִי גַאנְצֶע שְׁפַּייז אוּן פַּרְנָסָה פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען אָפְּהֶענְגִיק פוּן דֶעם יְאוֹר – טַייךְ נִילוּס) עֶס זָאל זִיךְ טוּנְקֶען אוּן זַיין דֶערְטְרוּנְקֶען אִין טַייךְ.

אַי, וָואס וֶועט זַיין מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט פַּרְעֹה, אִיז פַאראַן "סָאנְדֶעי" (זוּנְטִיק), וָואס סָאנְדֶעי אִיז דֶער בַּאנְק גֶעשְׁלָאסְן, דִי קְלֵייטְן גֶעשְׁלָאסְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דִי נַאכְט פְרִיעֶר דַארְף מֶען שְׁלֶעפְּן דֶעם קִינְד אִין מוּאוּוִי אוּן אִין אַלֶדֶע יָארְן, אָבֶּער אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי וִוי דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן שְׁלָאפְן בִּיז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, אַרְט זֵיי נִיט אַז דֶער קִינְד וֶועט גֵיין אִין "סָאנְדֶעי סְקוּל" אוּן לֶערְנֶען דָארְטְן, אוּן נִיט נָאר זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן נָאר אֲפִילוּ עִבְרִי אוּן חוּמָשׁ. זֵיי – דִי עֶלְטֶערְן – וֶועלְן קֶענֶען רוּאִיק שְׁלָאפְן, אוּן זַיין גָאר טִיף פַארְזוּנְקְן אִין שְׁלָאף בְּרוּחְנִיּוּת.

11. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 112ff.

**Afterwards, at one o'clock in the afternoon, they will** get up to **raise the child with television, movies, and baseball.** In other words, they will submerge him in the culture – the equivalent of **the Nile River – which, according to their understanding, will lead to him earning a livelihood.**

This is not the way a Jewish child should be raised. Jewish parents have an obligation **to connect** their **children to G-d from earliest infancy. He is the One who sustains the entire world in His goodness, favor, kindness, and mercy** – and enables all people to receive their livelihood **in a manner of honor and tranquility. This alone – connecting with G-d – is the sole path for Jews** to receive **their livelihood.**

**Even were it true that the livelihood of non-Jews is dependent on the** unwritten **laws of** society – those determined by **the Nile River,** the social norms that stem from the dominant culture – a Jew's life is different. **Concerning the Jews, it is written,**[12] **"You who cleave to G-d your L-rd are all alive today." It is by connecting themselves with G-d that the Jews live – and through this** connection, **they derive their livelihood.** As is commonly said,[13] **"He [G-d] who gives life, gives sustenance," granting a livelihood to a man, his wife, and his children.**

**But, instead** of following **this** path, **the children are taken and cast into the river. They are torn away not only from their spiritual life;** they are cut off **from life in a simple sense as well, because, as mentioned above, the only way Jews can have life and sustenance is through their connection with G-d.**

דֶערְנָאךְ - אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאךְ הַאלְבְּן טָאג, וועט מֶען הָאדֶעווֶען דֶעם קִינְד מִיט טֶעלֶעוִויזְשָׁאן, מוּאוּוִי אוּן בֵּייזְבָּאל - מִיט דֶעם טַיְיךְ נִילוּס, וָואס לוֹיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג, גִיט עֶר פַּרְנָסָה.

אָנְשְׁטָאט דֶעם וָואס מֶען דַארְף דֶעם קִינְד פַארְבִּינְדְן, בַּאלְד פוּן קִינְדְוַוייז אָן, מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר שְׁפַּייזְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּטוּבוֹ בְּחֵן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אִין אַן אוֹפֶן פוּן כָּבוֹד וּמְנוּחָה,

וָואס נָאר דָאס (פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן) אִיז דִי אֵיינְצִיקֶע וֶועג פוּן אַ אִידְן צוּ פַּרְנָסָה,

- וָוארוּם אוֹיבּ אֲפִילוּ בַּיי גוֹיִם אִיז זֵייעֶר פַּרְנָסָה אָפְּהֶענְגִיק פוּן טַייךְ נִילוּס-גֶעזֶעצְן, אִיז אָבֶּער בַּיי אִידְן שְׁטֵייט, וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּהֲוָיָ׳ אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם[ה], דוּרְךְ דֶעם וָואס אִידְן פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם לֶעבְּן זֵיי, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ פַּרְנָסָה, וָוארוּם מַאן דְיָהִיב חַיֵּי יָהִיב מְזוֹנֵי - דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר גִיט לֶעבְּן גִיט עֶר אוֹיךְ פַּרְנָסָה, אִים מִיט זַיין פְרוֹי אוּן קִינְדֶער -

אִיז אָנְשְׁטָאט דֶעם, נֶעמְט מֶען דִי קִינְדֶער אוּן מֶען וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין טַייךְ, וָואס רַייסְט זֵיי אָפּ נִיט נָאר פוּן דֶעם רוּחְנִיּוּת'דִיקְן לֶעבְּן נָאר אוֹיךְ פוּן לֶעבְּן אִין אֵיינְפַאכְן זִין, וָוארוּם, ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר: דִי אֵיינְצִיקֶע וֶועג וָואס אִידְן הָאבְּן אוֹיף לֶעבְּן אוּן פַּרְנָסָה אִיז דוּרְךְ פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

## Casting Children in the River Today

**5. The Egyptian exile preceded the Giving of the Torah.** Although previously the Jews had suffered through many harsh **decrees** during

ה. אוּן אַזוֹי ווִי אִין דֶעם גָלוּת וָואס אִיז גֶעווֶען פַאר מַתַּן תּוֹרָה, וָואס דָאס

12. *Devarim* 4:4.

13. See *Taanis* 8b.

איז גָלוּת מִצְרַיִם, זַיְינֶען די אַלֶע פְרִיעֶרְדִיקֶע גְזֵירוֹת נִיט גֶעקוּמֶען צוּ דֶער גְזֵירָה פוּן כָּל הַבֵּן הַיִּלוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ, אַזוֹי אוֹיךְ אִין דֶעם אִיצְטִיקְן גָלוּת, קוּמֶען נִיט די אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אוֹיף דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטשְׁן - צוּ דֶער גְזֵירָה וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אוֹיף קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

בְּשַׁעַת, אָבֶּער, מֶען וֶוערְט נִיט נִתְפָּעֵל פוּן פַּרְעֹה'ן, מֶען וֶוערְט נִיט נִתְפָּעֵל פוּן די "גוּטֶע פְרַיְינְט" - פוּן דֶער שָׁכֵנְ'טֶע פוּן "נֶעקְסְט דָאר", וָואס זִי טַעֲנָה'ט: ווִי אַזוֹי נֶעמְסְטוּ דַיְין קִינְד אוּן שִׁיקְסְט אִים אִין אַ חֵדֶר, אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֶערְנְט דָארְטְן אַ תּוֹרָה, וָואס אִיז אַלְט דְרַיי מִיט אַ הַאלְבּ טוֹיזְנְט יָאר, אַ תּוֹרָה וָואס אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין אַ מִדְבַּר שְׁמָמָה - דֶעזֶערְט - אוּן אִין אַ צַייט וָואס ס'אִיז נָאךְ נִיט גֶעוֶוען קֵיין רַאדְיָא, קֵיין טֶעלֶעפָאן אוּן אֲפִילוּ אַ "פֵּייפֶּער" אִינְדֶערְפְרִי צוּ מוֹדֶה אֲנִי אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוֶוען.

דֶעמָאלְט - טַעֲנָה'ט זִי - הָאט מֶען גֶעקֶענְט אָנְגֵיין מִיט אַזאַ דֶערְצִיאוּנְג. אָבֶּער אִיצְטֶער, בְּשַׁעַת מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין "טְוֶוענְטִי'ס סֶענְטְשׁוּרִי" אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ "פְּרַאגְרֶעס" אוּן צוּ "קָאלְטְשֶׁער" - אִיצְטֶער קֶען מֶען נִיט זַיְין "אָלְד־פֶעשָׁאנְד".

נָאךְ מֶער, אַמָאל טוּט זִיךְ אָן פַּרְעֹה אִין אַ קְלֵייד פוּן קְדוּשָּׁה אוּן טַעֲנָה'ט: אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט אַז דַיְין קִינְד זָאל גֶעבְּן אַ סַךְ גֶעלְט אוֹיף צְדָקָה בִּכְלַל אוּן אוֹיף יְשִׁיבוֹת בִּפְרַט, דַארְפְסְטוּ דָאךְ זֶען אַז עֶר זָאל זַיְין אַ גְבִיר, טָא וַוארְף אִים אַרַיְין אִין טַייךְ פוּן פַּרְנָסָה, מַאךְ אִים אַזוֹי ווִי אַלֶע "דזשָאן'ס" אוּן "מַיְיקְל'ס" - אֲשֶׁר לֹא לַהֲוָי' הֵמָּה, אוּן דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַ הָאפֶענוּנְג אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן גֶעלְט אוֹיף יְשִׁיבוֹת אוּן חֲדָרִים.

- לְפוֹעַל זֶעט מֶען אַז נָאר פַּרְעֹה הָאט פַּרְנָסָה דֶערְפוּן. אִידְן הָאבְּן דֶערְפוּן גָארְנִישְׁט -

דַארְף מֶען ווִיסְן דֶעם אֱמֶת, אַז די גְזֵירָה קוּמְט פוּן דֶעם זֶעלְבְּן פַּרְעֹה, נָאר אַזוֹי ווִי

this exile, as mentioned, **none of them approached the severity of the decree to cast all the sons into the river. The same is true concerning the present exile. All the decrees that the *yetzer hara,*** our **bad tendency,** seeks to impose **upon mature individuals do not approach** the severity of **the decree the *yetzer hara*** seeks to impose **upon young children.**

**However, one** should **not be affected by Pharaoh,** nor **by those "good friends"** or the woman **next-door who objects, "How can you take your child and send him to a *cheder*** **or a *yeshivah* where they study a Torah that is 3,500 years old, which was given in a barren desert?**

At that **time, there was no radio, telephone, nor even a newspaper** to wake up to **each morning** while reciting ***Modeh Ani.*** **"In an era like that,"** she claims, **"such an education may have been appropriate. However, now, in the twentieth century, when we have progress and culture, one cannot be that old-fashioned."**

**Furthermore, sometimes Pharaoh dresses himself in "holy garments" and claims, "Since you want your child** to grow up and be able **to give large amounts of money to charity in general and *yeshivos* in particular, you have to see to it that he becomes wealthy. So cast him into the river of earning a living. Make him like all the other 'Johns' and 'Michaels' whose** lives **are not** dedicated **to G-d. Then you can hope that he will** be able to **give money to *yeshivos* and *chedarim.*"**

**In reality, we see that only Pharaoh gains from such an approach. Jews do not receive anything from** living that way.

**We must know the truth – that the decree** to cast a child into the river of the prevailing culture **comes from the same Pharaoh**

who decreed that the children should be cast into the Nile. **However, Pharaoh knows that if he would come and tell** a Jew **to sin,** the Jew **would not listen to him.** Therefore, **he dresses in a silk** Rabbinic **cloak and tells** the parents **that he has a large *yeshivah* for which he needs money. He advises** the parents **to send their children to public school and Sunday school,** so that they will become wealthy and be able to give charity. **Then, he will be able to build a large *yeshivah*.** For whom? **For angels.** No flesh and blood children will attend, for he has advised parents that a *yeshivah* education will not enable their children to be successful in earning a livelihood.

Where does **this advice stem from? From Pharaoh** – or in a personal sense, from the *yetzer hara,* colloquially known as **"the clever one."** The *yetzer hara* echoes Pharaoh's words,[14] **"Let us deal shrewdly with them, lest they increase." The truth is** – that no matter what Pharaoh and the enemies of the Jews do – **"so will they multiply and so will they increase."**[15] If this advice – the advice stemming from the contemporary equivalent of Pharaoh – not to provide Jewish children with a Torah education were followed, **there would not remain any remnant of Judaism.** There would be no **Jewish souls and, as a result, no Jewish bodies.**

When we realize that this advice comes from Pharaoh, we will **dedicate ourselves with** genuine **Jewish** inner **strength to nullifying this decree.** Once and for all, **we will stop** worrying about and planning for a child's **future when he is five, seven, thirteen, or** even **eighteen years old. Instead, we will** place our **faith and trust in G-d.**

In this vein, *Mishlei*[16] teaches, **"There are many thoughts in a man's heart."** These thoughts **are unproductive because they are many, but not** one. In an ultimate sense, this means that they do not stem from G-d who is **singularly one: the** true **Singularly One Entity in the world.**

עֶר ווייס דָאך אַז בְּשַׁעַת עֶר וועט קוּמֶען צוּגֵיין אוּן הֵייסְן טָאן אַן עֲבֵירָה, וועט מֶען אִים נִיט פָאלְגְן, טוּט עֶר זִיך אָן אִין אַ זַייְדֶענֶער זוּפֶּעצֶע אוּן זָאגְט אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה אוּן עֶר דַארְף אוֹיף אִיר גֶעלְט. דֶערְפַאר זָאל מֶען אַרַייְנְגֶעבְּן דִי קִינְדֶער אִין "פָּאבְּלִיק־סְקוּל" אוּן אִין "סָאנְדֶעי־סְקוּל", וועט עֶר דֶעמָאלְט קֶענֶען בּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה פַאר מַלְאָכִים.

בְּשַׁעַת מֶען כַאפְּט זִיך בַּאצַייְטְנְס אַז דִי עֵצָה שְׁטַאמְט פוּן פַּרְעֹה'ן, פוּן דֶעם קְלוּגִינְקְן וואָס זָאגְט הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ - פֶּן יִרְבֶּה - (כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר שְׁלִיטָ"א הִפְסִיק וְאָמַר: אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרוֹץ) פוּן דֶעם וואָס ווִיל אַז עֶס זָאל נִיט בְּלַייבְּן קֵיין שָׂרִיד וּפָלִיט, רַחֲמָנָא לִצְלַן, פוּן אִידִישְׁקַייְט, פוּן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת אוּן דוּרְך דֶעם אוֹיך נִיט פוּן אִידִישֶׁע גוּפִים,

אוּן מֶען נֶעמְט זִיך מִיט דֶער אִידִישֶׁער שְׁטַארְקַייְט אוֹיף מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה, מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ זוּכְן תַּכְלִיתִים צוּ פִינְף יָאר, צוּ זִיבְּן יָאר, צוּ דְרַייצְן יָאר אוּן צוּ אַכְצְן יָאר, אוּן מֶען הָאט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן,

ווָארוּם רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ,

(אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען קֵיין נוּצְן נִיט, ווַייל זֵיי זַייְנֶען רַבּוֹת אוּן נִיט קֵיין יָחִיד, יְחִידוֹ שֶׁל עוֹלָם,

---

14. *Shmos* 1:10.

15. Ibid. 1:12. See *Sotah* 11a, *Rashi* on the verse.

16. *Mishlei* 19:21.

אוּן) וַעֲצַת הֲוָיָ׳ הִיא תָקוּם (הִיא לְשׁוֹן יָחִיד), וָוארוּם דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ בַּעַל־הַבַּיִת נִיט נָאר אוֹיפְן הִימְל נָאר אוֹיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, אִין דֶעם אָרְט וואוּ זִי גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן אוּן מִיט אִירֶע קִינְדֶער,

אִיז ווִיסְנְדִיק דָאס, אִיז נִיט נָאר וָואס זִי וֶוערְט נִיט נִתְפָּעֵל פוּן אִיר שָׁכֵנְ׳טֶע, נָאר אַדְּרַבָּה זִי פּוֹעֵל׳ט נָאךְ אוֹיף אִיר שָׁכֵנְ׳טֶע, אַז זִי זָאל אוֹיךְ רַאטֶעווֶען אִירֶע קִינְדֶער פוּן דִי הֶענְט פוּן פַּרְעֹה. אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף צֶענְדְלִיקֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס זָאלְן גֵיין אַנְטְקֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

As the verse[16] continues, **"The counsel [– a singular term –] of G-d will prevail."** G-d **is the Master not only of the heavens but also of the earth – including the place where** the woman, **her husband, and their children are located.**

**Knowing this,** a mother **will not be affected by her neighbor. Instead, she will influence her neighbor that she too should save her children from Pharaoh's hands.** In that way, **we will raise myriads of Jewish children who will greet *Mashiach*. May it be speedily in our days.**

## A Woman's Joy

ו. אוּן אַזוֹי ווִי דֶעמָאלְט, בְּשַׁעַת מֶען אִיז פָּטוּר גֶעווָארְן פוּן פַּרְעֹה׳ן, אִין דִי צַיְיטְן פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ מִיט מִרְיָם׳עֶן, אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן דִי פְרוֹיעֶן גֶעווֶען פִיל גְרֶעסֶער ווִי דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מֶענֶער, וָוארוּם אוֹיךְ דִי גְזֵירָה הָאבְּן דִי מוּטֶערְס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט מֶער ווִי דִי פָּאטֶערְס, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ אִיצְטֶער, אַז סַיי דִי גְזֵירָה פוּן פַּרְעֹה׳ן, וּבְמֵילָא אוֹיךְ דִי שִׂמְחָה ווֶעלְכֶע קוּמְט בְּשַׁעַת מֶען ווֶערְט פָּטוּר פוּן דֶער גְזֵירָה, פִילְן זִיךְ מֶער בַּיי דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.

דֶעם גְרֶעסְטְן טֵייל פוּן דֶעם טָאג, גֶעפִינְט זִיךְ דָאךְ דֶער מַאן נִיט אִין הוֹיז אוּן אֲפִילוּ דִי צַיְיט וָואס עֶר אִיז אִין הוֹיז, אוֹיךְ דֶעמָאלְט גִיט עֶר זִיךְ נִיט אָפּ אַזוֹי פִיל מִיט דֶער דֶערְצִיאוּנְג פוּן דִי קִינְדֶער, ווִי דִי פְרוֹי.

דַאקֶעגְן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹי, זִי הָאט מִלְחָמָה מִיט פַּרְעֹה׳ן, ווִי פַארְשְׁטֶעלְט עֶר זָאל נִיט זַיְין, אוּן מִיט וָואס פַאר אַ פָארְם "גוּטֶע פְרַיְינְטְשַׁאפְט" עֶר זָאל נִיט קוּמֶען צוּ אִיר, אוּן דַאן אִיז זִיכֶער אַז זִי אִיז מְנַצֵּחַ אוּן פִירְט אוֹיס אַז - הֲוָיָ׳ (תּוֹרָה אוּן אִידִישְׁקַיְיט, אִיז) גָאֹה גָאָה (אוּן דָאס פַארְקֶערְטֶע) סוּס וְרוֹכְבוֹ - רָמָה בַיָּם. אוּן דָאס פִירְט זִיךְ אוֹיס מִיט שִׂמְחָה,

**6. When** the Jews **were liberated from Pharaoh – at the time of Moshe and Miriam – the joy of the women far surpassed the joy of the men, because** it was far harder for **the mothers** to **endure** Pharaoh's cruel **decree than** it was for **the fathers. The same is true at present.** The contemporary equivalent of **Pharaoh's decrees – and, consequently, the joy that comes from being freed from them – is felt to a greater degree by Jewish women.**

The reason is: **For the greater part of the day, the husband is not found at home, and even when he is at home, he does not devote himself to his children's education to the same degree as his wife.**

**By contrast, the Jewish woman battles with Pharaoh – disguised as he may be – in every guise of "friendship" that he presents himself to her. And we can be confident that she will be victorious and prevail,** demonstrating **that G-d** – along with **Torah and Judaism** which represent Him – **is "exceedingly exalted." And conversely, the "horse and its rider,"** the forces which oppose holiness will be **"cast into the sea."** She **achieves this with joy,** to the extent

that she can go out **with timbrels and dancing. We then proceed to** ***Parshas Yisro,*** **the Torah portion that describes the Giving of the Torah, for then, we will be able to say, "Our children are our guarantors."**[17]

בְּתֻפִּים וּבִמְחוֹלוֹת, און מֶען גֵייט אִיבֶּער צוּ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, דִי פַּרְשָׁה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וָואָרוּם מֶען קֶען זָאגְן, בָּנֵינוּ עֲרֵבִים בַּעֲדֵינוּ[17].

## Before the Angels

**7. This also enables us to understand what is stated in the** ***Midrash Tanchuma***[18] **regarding the verse,**[2] ***Va'ta'an lahem Miriam,*** **"Miriam led them in a choral chant." As the Midrash notes, on the surface, this is difficult to understand:** ***Lahem*** **is a masculine form.** Since Miriam was leading **the women** in song, the Torah **should have employed** the feminine form, ***lahen.***

In response, **the Midrash relates that when the Children of Israel crossed the sea and sang the** Song of the Sea, **the angels also wanted to sing. G-d told the angels that the Jews should sing first and** only **afterwards should** the angels **sing.**

**On this basis, the Midrash explains the expression** ***yashir Moshe.*** Generally, that phrase would be translated in the future tense, "**Moshe will sing.**" Seemingly, in the narrative, one would think that ***shar Moshe,*** "Moshe **sang" in the past tense** would be more appropriate. Clarifying that incongruity, the Midrash explains that ***yashir*** is being used **in the imperative; G-d commanded** that "**Moshe and the Children of Israel should sing** first." Only **afterwards,** could **the angels** sing.

**Later, when Miriam and the women** prepared to **sing, the angels protested again, "For Moshe and the Children of Israel, we deferred** and let them sing first, **but we should** be allowed to **sing now, before the women** do." **According to one opinion in the Midrash, their request was granted. However, according to a second opinion, the**

ז. דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא) אוֹיפְן פָּסוּק וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם, וָואס אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַאַרְשְׁטַאנְדִיק דֶער לָשׁוֹן לָהֶם, וָואס דָאס אִיז אַ לְשׁוֹן זָכָר, צוּ פְרוֹיעֶן הָאט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט זָאגְן לָהֶן?

דֶערְצֵיילְט עֶר אוֹיף דֶעם אִין מִדְרָשׁ, אַז בְּשַׁעַת דִי אִידְן זַיְינֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם און גֶעזָאגְט שִׁירָה, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעוָואלְט זָאגְן שִׁירָה. הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט צוּ דִי מַלְאָכִים: פְּרִיעֶר וֶועלְן אִידְן זָאגְן שִׁירָה און עֶרְשְׁט דַאן וֶועט אִיר זָאגְן שִׁירָה.

- דֶערְמִיט דֶערְקְלֶערְט דֶער מִדְרָשׁ דֶעם לָשׁוֹן יָשִׁיר מֹשֶׁה, נִיט שָׁר לְשׁוֹן עָבַר נָאר יָשִׁיר לְשׁוֹן צִיוּוּי, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעוֶועןאַ צִיוּוּי פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל און דֶערְנָאךְ דִי מַלְאָכִים -

נָאכְדֶעם בְּשַׁעַת מִרְיָם מִיט דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעזָאגְט שִׁירָה, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים ווִידֶער גֶע'טַעֲנֶה'ט, פַאר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מִיר אָפְּגֶעטְרָאטְן דֶעם וֶועג, אָבֶּער אִיצְט זָאלְן מִיר זָאגְן שִׁירָה פַאר דִי פְרוֹיעֶן. לוֹיט אֵיין דֵיעָה אִין מִדְרָשׁ, הָאט מֶען זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן. אָבֶּער לוֹיט אַ צְווֵייטֶער דֵיעָה, פִּירְט אוֹיס

---

**17.** ***Shir HaShirim Rabbah*** **1:4 (1), i.e., it was in the merit of the children that the Torah was given.**

18. See *Midrash Tanchuma* (Buber edtion), *Parshas Beshalach,* sec. 13; *Torah Shleimah, Parshas Beshalach,* sec. 240 and notes.

דֶער מִדְרָשׁ, אַז אוֹיךְ דִי שִׁירָה פוּן דִי פְרוֹיעֶן אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶער שִׁירָה פוּן דִי מַלְאָכִים.

אָבֶּער אוֹיךְ לוֹיטְן סַלְקָא דַעְתָּךְ פוּן מִדְרָשׁ, אַז דִי מַלְאָכִים הָאבְּן נִיט גֶעוואַרְט אוֹיף דֶער שִׁירָה פוּן דִי פְרוֹיעֶן, הָאבְּן אָבֶּער דִי מַלְאָכִים נִיט גֶעקֶענְט זָאגְן שִׁירָה בִּיז מִרְיָם הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת. אוּן דָאס אִיז וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם, לָהֶם לְשׁוֹן זָכָר, דָאס מֵיינְט דֶער רְשׁוּת וָואס מִרְיָם הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ דִי מַלְאָכִים אוֹיף זָאגְן שִׁירָה.

זֶעט מֶען דֶערְפוּן אוֹיךְ דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶער שִׁירָה פוּן דִי פְרוֹיעֶן, אַז דָאס רִירְט אָן נִיט נָאר אִין עוֹלָמוֹת הַתַּחְתּוֹנִים נָאר אוֹיךְ אִין עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים. זֵייעֶר שִׁירָה קוּמְט נָאךְ פְרִיעֶר אוּן הֶעכֶער פוּן שִׁירַת הַמַּלְאָכִים.

**Midrash concludes that even the women's song preceded the angels' song.**

**However, even according to the initial opinion in the Midrash that the angels did not wait for the women's song, the angels could not sing until Miriam gave them permission.** The Midrash infers this from a different interpretation of the words, ***Va'ta'an lahem Miriam.*** Noting **the masculine form of *lahem,* "them,"** it understands the phrase as **meaning,** "Miriam answered them," i.e., **Miriam granted** the angels **permission to sing** before the women sang.

**This demonstrates the great** importance **of the Jewish women's song. It has an effect not only on this material plane but also in the spiritual worlds Above. The song** of Jewish women **takes precedence over, and is** even **loftier than, the song of the angels.**

## Not Only a Point of History

ח. דָאס אוֹיבְּנְגֶעזָאגְטֶע אִיז אַ הוֹרָאָה צוּ יֶעדֶער אִידְן, אַז סְ'אִיז נִיטָא וָואס צוּ שְׁרֶעקְן זִיךְ, נִיט פַאר פַּרְעֹה'ן, נִיט פַאְרן נִילוּס אוּן נִיט פַאר דִי גְזֵירוֹת. אוֹיבּ מֶען גֵייט נָאר מִיט דֶער אֱמֶת'עֶר אִידִישֶׁער שְׁטַארְקַייט, קֶען מֶען זִיךְ גֶעפִינֶען אִין מִצְרַיִם, אוּן עֶס זָאל דָארְטְן זַיְין פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם, מִיט אַלֶע גְזֵירוֹת, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶס כְּלַל נִיט צוּטָאן צוּ זַיְינֶע קִינְדֶער: עֶר וֶועט פִירְן זַיְינֶע קִינְדֶער אִין דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם לֶעבְּן, נִיט נָאר לֶעבְּן אִין עוֹלָם־הַבָּא נָאר אוֹיךְ לֶעבְּן אִין עוֹלָם־הַזֶּה.

עֶר וֶועט פִירְן דִי קִינְדֶער אִין דֶעם וֶועג וָואס זֵיי וֶועלְן זָאגְן: זֶה אֵ־לִי וְאַנְוֵהוּ אֱלֹקֵי אָבִי וַאֲרוֹמְמֶנְהוּ, זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין דֶעם זֶעלְבְּן וֶועג אִין

**8. This narrative provides guidance for all Jews** – men and women alike. **There is no reason to fear Pharaoh, nor the Nile, nor the decrees** with which non-Jewish powers may seek to oppress them.

**When they proceed with genuine Jewish strength – even if they are in Egypt, and there, Pharaoh** is **king and** he issues **all** sorts of oppressive **decrees** – nothing **will have any effect on their children.** Jewish parents will be able to **lead their children on the path of the Torah. This is the path that brings them life, not only life in the World to Come but also life in this world.**

The parents **will lead their children on the path that enables them to say, "This is my G-d and I will glorify Him, the G-d of my father, and I will exalt Him."**[19] In other words, the children **will follow the same path as their parents. This is the ultimate sat-**

19. *Shmos* 15:2.

**isfaction that children can bring** to their parents.

**Then, as the Song** of the Sea **continues,**[20] **"You shall bring them and plant them in the mountain of Your inheritance," we will merit the building of the Third *Beis HaMikdash* speedily in our days.**

**Furthermore, as the Midrash**[21] **states, "From this we learn how cherished Israel is before the Omnipresent." G-d did not wait for** the fulfillment of the prophecy, **"You shall bring them and plant them in the mountain of Your inheritance," which refers to the *Beis HaMikdash,*** His **Eternal House. Instead,** even while the Jews were **still in the desert, He told** Moshe,[22] **"They shall make a Sanctuary for Me and I will dwell among them."**[23]

**A similar motif applies at present, in the few numbered days that remain until *Mashiach*** comes. **By** remaining steadfast in our Jewish ways, **not being affected by the decrees** of secular forces, **and raising** children regarding whom it can be said **"descendants blessed by G-d,"**[24] we will merit to see the fulfillment of the promise inherent in G-d's statement, **"They shall make a Sanctuary for Me and I will dwell among them" – G-d will dwell in every Jewish home. And since G-d will dwell there, it is self-understood that** the home will be blessed with **abundant prosperity and health** and all Jews will enjoy **true satisfaction from their children and grandchildren over the course of many good years.**

**װעלכן עס גייען די עלטערן.**

**װאָס דאָס איז דאָך דער אמת'ער נחת װאָס עס קען זײַן פֿון קינדער.**

**און דעמאָלט, איז װי מען זאָגט װײַטער אין דער שירה: תּביאמו ותטעמו בּהר נחלתך, אַז מען איז זוכה צו בּנין בּית המקדש השלישי בּמהרה בימינו.**

**און נאָך מערער, װי ער זאָגט אין מדרש: למדת חבּתם של ישׂראל לפני המקום, אַז דער אױבּערשטער האָט ניט געװאַרט אױפֿן תּביאמו ותטעמו בּהר נחלתך, װאָס דאָס איז דער בּית המקדש, בּית עולמים, נאָר זײַענדיק נאָך אין מדבּר האָט ער געזאָגט: ועשׂו לי מקדש ושכנתּי בּתוכם.**

**אַזױ אױך איצטער, אַז די בּיסל געצײלטע טעג װאָס זײַנען געבּליבּן בּיז משיח'ן, איז דורכדעם װאָס מען װעט ניט נתפּעל װערן פֿון די גזירות, און מען װעט אױפֿשטעלן זרע בּרך הוי', איז ועשׂו לי מקדש ושכנתּי בּתוכם, אַז דער אױבּערשטער װעט רוען אין יעדער אידישער הױז, און װיבּאַלד אַז השם יתבּרך רוט דאָרטן, איז דאָך זעלבּסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָרטן װעט זײַן פּרנסה בּהרחבה, געזונט בּהרחבה און אמת'ער נחת פֿון קינדער און קינדס־קינדער לאורך ימים ושנים טובות.**

(משיחת יו"ד שבט, תשח"י)

---

20. Ibid. 15:17.

21. This phrase is being borrowed from *Bamidbar Rabbah* 2:16.

22. *Shmos* 25:8.

23. See *Kesubos* 62b.

24. Cf. *Yeshayahu* 61:9.

---

א) לקוטי דבורים ח"ד תשא, א.

ב) אבות פרק ה משנה כא.

ג) שמות רבה א, לד.

ד) זע אויך לקו"ש ח"א עמוד 112 און ווייטער.

ה) דברים ד, ד.

ו) זע לקו"ש ח"א עמוד 110 הערה 53.

# BESHALLACH II | בשלח ב

Adapted from *sichos* delivered on *Yud Shvat,* 5716 (1956)

## Introduction

On their journey from Egypt to Mount Sinai, the Jewish people confronted two pivotal battles – one against Pharaoh's forces and the other against the nation of Amalek. G-d's distinct commands for each conflict teach us which spiritual battles we should wage with our own powers and which we should leave for G-d to wage for us.

Pharaoh threatened the Jews from behind; he was blocking their path back to Egypt. In that instance, G-d instructed the Jews, "G-d will fight for you, and you shall remain silent." By contrast, when the armies of Amalek attacked, positioning themselves between the Jews and their destiny at Sinai, G-d called for an active response: "Go out and battle Amalek."

The Rebbe expands this historical narrative into a timeless lesson about confronting obstacles to spiritual growth. Material challenges might not demand direct combat, but anything blocking the path to Torah must be fought with all necessary means.

More specifically, the Rebbe explains the nature of Amalek's challenge, *asher korcha baderech,* which can be understood as meaning "who cooled you off on the way." Amalek fights against the Jews by cooling off their fervor for the Torah; not by saying that the Torah is wrong, but that there is no need to be excited about studying and observing it. This is a conflict the Jews must face head on.

Who is able to battle Amalek? *Anshei Moshe,* "Moshe's men," people bonded with a Jewish leader who is totally identified with the Torah's wisdom.

How can we fight Amalek's attempt to "cool" our enthusiasm for the Torah? By following the guidance of a Moshe – a mentor who embodies the Torah's guidance.

# A Battle against Spiritual Frigidity

## Two Challenges

**1. On their journey from Egypt to Mount Sinai to receive the Torah, the Jews confronted two wars:** one **against Pharaoh and** another **against Amalek.**

**This week's Torah reading describes G-d's** distinct **commands how the Jews were to conduct themselves in each battle. For the confrontation with Pharaoh, G-d instructed,**[1] **"G-d will fight for you, and you shall remain silent." However, for the war with Amalek,** He commanded,[2] **"Go out and battle Amalek"** – directing them to **also**[3] engage **in actual physical combat.**

א. וֶוען דִי אִידְן זַיְינֶען גֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם צוּם הַר סִינַי מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אוֹיפְן וֶועג צְווֵיי מִלְחָמוֹת: דִי מִלְחָמָה מִיט פַּרְעֹה'ן אוּן דִי מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק'ן.

אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה וֶועגְן דֶעם אָנְזָאג פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ ווִי דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ פִירְן בַּיי בֵּיידֶע מִלְחָמוֹת. בַּיי מִלְחֶמֶת פַּרְעֹה אִיז גֶעוועֶן דֶער צִיווּי "ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן" (גָ־ט וֶועט פַאר אַייךְ מִלְחָמָה הַאלְטְן אוּן אִיר זָאלְט שְׁווַייְגְן), אוּן בַּיי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק – "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק" (גֵיי אַרוֹיס הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק'ן), וָואס מֵיינְט אוֹיךְ מִלְחָמָה פָּשׁוּט אִין גַשְׁמִיּוּת.

## Between the Sea and the Torah

**2. There** was a fundamental **difference between these two wars. Pharaoh** and his army pursued **the Jews from behind; he did not stand between them and Mount Sinai. Instead, he blocked their path back to** their former life – to **"the fish which we ate in Egypt,"**[4] a land where the Jews had been promised, **"you shall eat the fat of the land."**[5] **Pharaoh had declared that the Jews could only enjoy Egypt's abundance if they** remained **his servants.** Since **he posed no obstacle to receiving the Torah,** the Jews were instructed, **"G-d will fight for you, and you shall remain silent."**

ב. דֶער חִילוּק פוּן דִי צְווֵיי מִלְחָמוֹת אִיז:

פַּרְעֹה אִיז גֶעוועֶן הִינְטֶער דִי אִידְן. עֶר אִיז נִיט גֶעשְׁטַאנֶען צְווִישְׁן דִי אִידְן אוּן דֶעם בַּארְג סִינַי, נָאר צְווִישְׁן דִי אִידְן מִיט דֶעם "הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל בְּמִצְרַיִם", מִיט דֶעם "וְאִכְלוּ אֶת חֵלֶב הָאָרֶץ". פַּרְעֹה הָאט גֶעשְׁרִיעֶן אַז עֶר וֶועט נִיט צוּלָאזְן צוּם טוּב אֶרֶץ מִצְרַיִם, סַיְידְן, אַז מֶען וֶועט וֶוערְן זַיְינֶע – פַּרְעֹה'ס – עֲבָדִים, אָבֶּער צְווִישְׁן אִידְן אוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז עֶר נִיט גֶעשְׁטַאנֶען. דֶערְפַאר אִיז גֶעוועֶן אִין דֶעם דֶער סֵדֶר – ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן.

1. *Shmos* 14:14.

2. Ibid. 17:9. It was Moshe who relayed the Divine command to the Jewish people.

3. By adding the word "also," the Rebbe is implying that while the Jews would combat Amalek on the physical plane, simultaneously, there was a spiritual conflict in the higher realms.

4. *Bamidbar* 11:5.

5. *Bereishis* 45:18.

The armies of **Amalek, however, positioned themselves between the Jewish people and Mount Sinai. Here, the issue was not about preventing** the Jews from entering **a good and prosperous land. Instead,** the armies of Amalek were blocking passage through the **desert** – the place where, **as our Sages explain in** ***Midrash Tanchuma*****,[6] the Torah was specifically destined to be given.** Amalek attempted to **prevent the Jews from advancing to receive the Torah.**

This is why they were commanded to actively battle Amalek. **When facing an obstacle and an impediment to receiving the Torah,** a Jew must take whatever action is necessary to clear the path. Amalek was descended from Esav, and we have been taught,[7] **"The voice is the voice of Yaakov, but the hands are the hands of Esav,"** meaning that **"the hands"** – violent action – **is the lot of Esav** and his descendants, **as it is written, "By your sword you shall live."** Nevertheless, although this is generally not the Jewish path, whenever anything **blocks them from receiving the Torah,** Jews should **not calculate** what is fitting according to their nature, **but** should **proceed.** They must use **all ways and means possible** to advance, **as long as** this will enable them to **receive the Torah and unite with it.**

**This is why an actual, physical war was waged against Amalek.** Even so, while engaging in it, the Jews' approach **was not** to suggest that **"my strength and the might of my hand"**[8] are the source of success. **Rather, it was a war waged for G-d's sake,** to enable His manifestation in this world, **since,** as our Sages taught, **neither G-d's name nor His throne is complete until the seed of Amalek is obliterated.**[9]

דַאקֶעגְן עֲמָלֵק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צְווִישְׁן דִי אִידְן מִיט דֶעם בַּארְג סִינַי – אוּן דָא הָאט זִיךְ נִיט גֶעהַאנְדְלְט וֶועגְן אַן אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה נָאר וֶועגְן אַ מִדְבָּר, ווִי דִי רַזַ״ל זָאגְן אִין מִדְרַשׁ תַּנְחוּמָא אַז דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דַוְקָא אִין מִדְבָּר – אוּן הָאט נִיט גֶעלָאזְן דִי אִידְן גֵיין מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה.

בְּשַׁעַת עֶס אִיז דָא אַ מוֹנֵעַ וּמְעַכֵּב – אַ שְׁטֶערֶער אוּן אָפְּהַאלְטֶער – צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִיז הֲגַם הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו, יָדַיִם זַיְינֶען שַׁיָּיךְ צוּ עֵשָׂו׳ן, דָאס אִיז זַיְין חֵלֶק, ווִי עֶס שְׁטֵייט וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה, ווִיבַּאלְד אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ שְׁטֶערֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, רֶעכְנְט מֶען זִיךְ נִיט מִיט קֵיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן מֶען גֵייט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אוּן אִין אַלֶע אוֹפַנִים, אַבִּי מֶען זָאל נָאר מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה אוּן פַאראֵיינִיקְן זִיךְ מִיט אִיר.

אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם, וָואס מֶען הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק׳ן פָּשׁוּט אִין גַשְׁמִיּוּת. עֶס אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין עִנְיָן פוּן כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עִנְיָן פוּן מִלְחָמָה לַה׳, וָואס אֵין הַשֵּׁם שָׁלֵם וְאֵין הַכִּסֵּא שָׁלֵם עַד שֶׁיִּמָּחֶה זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק[א] (דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען אוּן זַיְין שְׁטוּל זַיְינֶען נִיט גַאנְץ בִּיז וַואנֶען עֶס וֶועלְן אָפְּגֶעמֶעקְט וֶוערְן דִי קִינְדֶער פוּן עֲמָלֵק׳ן).

## The Power to Defeat Amalek

**3. Since the war with Amalek was** fought **for** the sake of **receiving the Torah, the war** as a whole **with**

ג. מִצַּד דֶעם וָואס דִי מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק׳ן אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ קַבָּלַת

6. *Midrash Tanchuma, Parshas Bamidbar,* sec. 6.

7. *Bereishis* 27:22.

8. *Devarim* 8:17.

9. ***Rashi, Shmos*** **17:16;** *Midrash Tanchuma, Parshas Ki Seitzei,* sec. 11.

**all its details was connected with Moshe, our teacher,** the one **who "received the Torah from Sinai."**[10] **Moshe initiated the battle; it was he who told** Yehoshua,[11] **"Choose** men for us **and go out and fight Amalek."**

הַתּוֹרָה, דֶערְפַאר אִיז דִי מִלְחָמָה מִיט אַלֶע אִירֶע פְּרָטִים, גֶעוֶוען פַארְבּוּנְדְן מִיט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ – דֶער וֶועלְכֶער קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי.

**The battle began with Moshe's prayer and it was conducted by Moshe's** handpicked **men.** As **explained in Chassidic teachings,**[12] **the phrase, "choose men for *us*,"** implies that the men chosen for the war were **Moshe's men,** and they were identified with him. **Moreover, the victory came about through Yehoshua, Moshe's** faithful **attendant.**

דִי מִלְחָמָה הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן מֹשֶׁה'ן – מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט בְּחַר גו' וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק. דִי מִלְחָמָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶער תְּפִלָּה פוּן מֹשֶׁה'ן, גֶעפִירְט זִיךְ דוּרְךְ אַנְשֵׁי מֹשֶׁה, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין חֲסִידוּת אוֹיפְן פָּסוּק בְּחַר לָנוּ אֲנָשִׁים – אַנְשֵׁי מֹשֶׁה, אוּן דֶער נִצָּחוֹן אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ יְהוֹשֻׁעַ – מְשָׁרֵת מֹשֶׁה.

## Tapping Transcendent Energies

**4. The victory of the Jewish people in the war with Amalek surpassed** the bounds of **nature. According to natural law, Amalek should have prevailed** since, **as the *Talmud Yerushalmi*[13] relates, the Amalekites were skilled in sorcery and selected** soldiers **who – according to** the astrological patterns **– were destined to live** and not die in battle. Although **they sent such men into battle,** the Jews **defeated them.**

This victory was possible **because when one goes to war** armed **with the power of the Torah, he achieves victory in a way that is not bound by the patterns determined by nature.** Since, as **mentioned, these were Moshe's men, each one of them knew that when going to fight Amalek, he was not proceeding with his own strength and might. Instead,** he was going **as an emissary of, and with the power of, Moshe,** acting as **an emissary of – and with the power of – the Torah.** Therein lay the key to their victory.

ד. דֶער נִצָּחוֹן פוּן אִידְן אִין מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער פוּן טֶבַע. עַל פִּי טֶבַע וָואלְט עֲמָלֵק גֶעדַארְפְט מְנַצֵּחַ זַיְין, ווִי עֶר זָאגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי[יג] אַז עֲמָלֵק כַּשְּׁפָן הָיָה, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַזֶעלְכֶע מֶענְטשְׁן וָואס דַארְפְן עַל פִּי סֵדֶר הַטֶּבַע לֶעבְּן, אוּן זֵיי הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אִין מִלְחָמָה. אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט מֶען אִים מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, ווַיְיל בְּשַׁעַת מֶען גֵייט אוֹיף מִלְחָמָה בְּכֹחַ הַתּוֹרָה, – אוּן ווִי אוֹיבְּן דֶערְמָאנְט ווֶעגְן "אַנְשֵׁי מֹשֶׁה", אַז יֶעדֶער אֵיינֶער ווֶעלְכֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר גֵייט נִיט בְּכֹחוֹ וְעוֹצֶם יָדוֹ נָאר אִין שְׁלִיחוּת אוּן מִיטְן כּוֹחַ פוּן מֹשֶׁה, בִּשְׁלִיחוּת וּבְכֹחַ הַתּוֹרָה – דֶעמָאלְט אִיז מֶען מְנַצֵּחַ לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

---

10. *Avos* 1:1.

11. Ibid. 17:9.

12. *Torah Or,* p. 83b; *Sefer HaMaamarim 5709,* pp. 51, 66.

13. ***Talmud Yerushalmi*, *Rosh HaShanah* 3:8.**

## Not Merely a Historical Event

**5. The commandment to remember Amalek applies every day. Therefore, the above instruction also applies regarding the battle with the spiritual Amalek** that we face **daily.** The Torah[14] describes **Amalek's** attack, using the words, ***asher korcha,*** which literally mean, "who encountered you." However, *kor* shares its root with the word *kar,* meaning "cold," allowing for the interpretation that Amalek **"cooled you off." Their attack cooled the fervor of the Jewish people for receiving the Torah.[15]**

**At** that **time, the Jewish people were aflame with the greatest enthusiasm** for the Torah they were about to receive. Their **zeal** was so great **that** it **affected even the nations of the world,** as illustrated by **the parable of the boiling bath offered by** ***Midrash Tanchuma***[16] **– all** the nations **saw that** the Jews **were** like **a flaming fire. At that juncture in time, Amalek came to cool the Jewish people from their enthusiasm to receive the Torah.**

From this story, **we learn how to proceed when there is something that cools** our enthusiasm **for the Torah: a) We must employ every means** possible **to fight against it,** doing whatever is necessary so that we **receive the Torah, and b) we must know that this is not accomplished through our own strength and might, but through the power of Moshe,** which is **the power of Torah.**

ה. די מִצְוָה פוּן זְכִירַת עֲמָלֵק אִיז דָאךְ יֶעדְן טָאג. בְּמֵילָא אִיז דָאס אוֹיבְּנְדֶערמָאנְטֶע אַ הוֹרָאָה – אָנְוַויְיזוּנְג – אוֹיךְ אוֹיף דֶער מִלְחָמָה מִיטְן עֲמָלֵק הָרוּחָנִי פוּן יֶעדְן טָאג.

אוֹיף עֲמָלֵק'ן שְׁטֵייט "אֲשֶׁר קָרְךָ", עֶר הָאט אָפְּגֶעקִילְט אִידְן פוּן זֵייעֶר קָאךְ אוּן הִתְלַהֲבוּת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

בְּשַׁעַת אִידְן זַיְינֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער גְרֶעסְטֶער הִתְלַהֲבוּת, אַזַא הִתְלַהֲבוּת וָואס הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אֲפִילוּ אוֹיף די אוּמּוֹת הָעוֹלָם, ווִי עֶס שְׁטֵייט דֶער מָשָׁל אִין מִדְרַשׁ תַּנְחוּמָא פוּן אַמְבַּטִי רוֹתַחַת (אַ קָאכֶעדִיקֶע וַואנֶע), אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאם פַייעֶר, דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק אוֹיף אָפְּקִילְן אִידְן פוּן דֶער הִתְלַהֲבוּת צוּ גֵיין מְקַבֵּל זַיְין די תּוֹרָה.

אוּן בְּשַׁעַת עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ זַאךְ וָואס קִילְט אָפּ פוּן תּוֹרָה, הָאבְּן מִיר אוֹיף דֶעם די אָנְוַויְיזוּנְג ווִי אוֹיבְּן דֶערמָאנְט: א) אַז מֶען דַארְף נוּצְן אַלֶערְלֵיי מִיטְלֶען, אוֹיף מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם, אַבִּי נָאר מְקַבֵּל זַיְין די תּוֹרָה. ב) מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מֶען טוּט עֶס נִיט בְּכֹחוֹ וְעוֹצֶם יָדוֹ (מִיטְן אֵייגֶענֶעם כּוֹחַ אוּן זֶעלְבְּסְט־קְרַאפְט) נָאר בְּכֹחוֹ שֶׁל מֹשֶׁה, בְּכֹחַ הַתּוֹרָה.

## A Catalyst for Revelation

**6. Regarding the verse beginning,[17] "Yisro**

ו. אוֹיפְן פָּסוּק וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ, זָאגְן

---

14. *Devarim* 25:18.

15. See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 387ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos,* Festivals, Vol. 1, p. 449ff.).

16. *Midrash Tanchuma, Parshas Ki Seitzei,* sec. 9. As stated in that source, when the Jews left Egypt, all the other nations were terrified of them. It was like a boiling bathtub to which no one would draw near. The analogy continues: One reckless individual jumped in. Although he was scalded, he cooled off the tub for others. Similarly, after Amalek attacked the Jews, although they suffered a crushing defeat, the other nations were not scared of the Jews to the same degree.

17. *Shmos* 18:1.

**heard," our Sages ask,**[18] **"What news did he hear that caused him to come?"** [and they answer,] **"The war with Amalek." The news** of the Jews' victory **reached** even as far as **Midian,** where Yisro resided. As result of hearing that news, **Yisro declared,**[19] **"Now I know** that G-d is greater than all the deities."

**As explained in the *Zohar,***[20] **his declaration prepared** the setting **for the Giving of the Torah. Similarly, at present, going forth to battle the spiritual Amalek with the power of Moshe will have an all-encompassing impact, affecting even Midian,**[21] the nation which is the spiritual counterpart of friction and strife, the force preventing unity. **This will serve as preparation for the revelation and the reception of the inner dimensions of Torah that will be made known by *Mashiach.* May this take place speedily in our days.**

רַזַ"ל מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא – מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק. דִי שְׁמוּעָה הָאט דֶערְלַאנְגְט אוֹיךְ אִין מִדְיָן. אוּן דָאס וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט עַתָּה יָדַעְתִּי, אִיז גֶעוֶוען אַן הֲכָנָה צוּ מַתַּן תּוֹרָה, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיצְטֶער, אַז מֶען וֶועט גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק הָרוּחְנִי אוּן בְּכֹחוֹ שֶׁל מֹשֶׁה, וֶועט דָאס פּוֹעֵל'ן אוּמֶעטוּם אֲפִילוּ אִין מִדְיָן[ג], אוּן דָאס וֶועט זַיְין אַ הֲכָנָה צוּ גִילוּי וְקַבָּלַת פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, וָואס עֶס וֶועט מְגַלֶּה זַיְין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

---

18. *Zevachim* 116a, and *Mechilta* and *Rashi* on the verse.

19. *Shmos* 18:11.

20. *Zohar,* Vol. II, p. 67b.

**21. See the *maamarim* entitled *Heichultzu, Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 85d ff.,** the *maamar* entitled *Heichultzu,* 5659, ***et al.***

---

א) פירוש רש"י על התורה שמות יז, טז.

ב) ראש השנה סוף פרק ג.

ג) זע דרושי החלצו (אין לקוטי תורה פרשת מטות ובכמה מקומות).

# 15 SHEVAT | ט"ו בשבט

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Beshalach, Tu BeShvat,* 5716 (1956)

## Introduction

The timing of Tu BeShvat, the New Year for Trees, is the subject of a difference of opinion between two great schools of Talmudic logic – the School of Shammai and the School of Hillel. They debated whether to commemorate this day on the first or the fifteenth of the month, but their discussion reached far deeper than a simple question of calendar dates.

At its core, their debate revealed fundamentally different views of how spiritual reality intersects with our physical world. Should we focus on what is hidden and possible, as the School of Shamai and the School of Hillel maintains?

This question touches every aspect of our spiritual lives.

Taking us past the theoretical debate, the Rebbe explains how this holiday speaks to our capacity to grow and influence others. Just as a tree produces fruit that contains seeds for future trees, each of us has the power to nurture the people with whom we come in contact and inspire new growth in Jewish life. Through this lens, Tu BeShvat becomes not just a New Year for Trees, but a day that celebrates our own potential to create lasting spiritual impact.

# What Trees Teach

## The Difference in the Sages' Spiritual Source

**1. The Fifteenth of Shvat, Tu BeShvat, is the New Year for Trees. True, there is a dispute about this in the Talmud.**[1] **The School of Shammai holds that the New Year for Trees should be commemorated on the first of Shvat,** while the School of Hillel maintains that the commemoration should be on *Tu BeShvat,* the fifteenth of the month. **However,** by and large, **when there is a dispute between the School of Shammai and the School of Hillel, the *halachah* follows the School of Hillel.**[2] **Furthermore,** our Sages teach[3] that **in comparison to** the teachings of **the School of Hillel,** the teachings of **the School of Shammai are not considered relevant** in determining *halachah*. Accordingly, we mark the day on the fifteenth of the month.

In general, the motivating principle behind the difference in approach between the School of Shammai and the School of Hillel **can be explained as follows: There are many instances in the Talmud where the School of Shammai** determines *halachic* rulings **based on the *koach,* the potential as it exists in a concealed state** before it actually becomes manifest. By contrast, **the School of Hillel considers what is actualized and revealed – the *poel* – as the determining factor.**[4]

Here are two **examples** of this fundamental difference in approach:

These two schools differed regarding when the honey in **honeycombs is considered a liquid and, therefore, becomes susceptible to** the additional stringencies regarding **ritual impurity** associated with liquids. As we read in the Talmud, **"The School of Shammai says: 'From the time one decides to [extract the honey].'"**[5] In other words, the

א. חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת. כָאטשׁ עֶס אִיז דָא אַ פְּלוּגְתָּא אִין דֶעם, און בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת אִיז בְּאֶחָד בִּשְׁבָט, אִיז דָאךְ אָבֶּער, בֵּית שַׁמַּאי וּבֵית הִלֵּל הֲלָכָה כְּבֵית הִלֵּל, און נָאךְ מֶער, בֵּית שַׁמַּאי בִּמְקוֹם בֵּית הִלֵּל אֵינָהּ מִשְׁנָה[א].

קֶען מֶען זָאגְן דֶעם בִּיאוּר אִין דֶעם:

מִיר גֶעפִינֶען אִין עֶטְלֶעכֶע עֶרְטֶער אִין שַׁ"ס, אַז בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן, אָזְלִינָן בָּתַר כֹּחַ ווִי עֶר אִיז נָאךְ בְּהֶעְלֵם, און בֵּית הִלֵּל הַאלְטְן, אָזְלִינָן בָּתַר פּוֹעֵל וְגִילוּי.

לְמָשָׁל:

א) חַלּוֹת דְּבַשׁ[ב] מֵאֵימָתַי מִטַּמְּאוֹת מִשּׁוּם מַשְׁקֶה בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים מִשֶּׁיְּהַרְהֵר -

1. *Rosh Hashanah* 2a.

2. See *Eruvin* 13b.

3. ***Berachos* 36b.**

4. See *Likkutei Sichos,* Vol. 6, p. 69ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Shmos,* p. 137ff.), where the difference of opinion between the two schools is explained in depth.

5. ***Uktzin* 3:11.**

matter is determined by **the potential** even though it is still **in a concealed state.** However, **"The School of Hillel says: 'From when one actually crushes [the honeycomb],'"** determining the law in accordance with **the actual and revealed state of the honey.**

Similarly, there is a difference between the two schools regarding the number of **Chanukah lights** kindled each night:[6]

**"The School of Shammai says: 'On the first day, one kindles eight lights, and from then on decreases [the number each day].' The School of Hillel says: 'On the first day, one kindles one candle, and from then on increases [the number each day].'" The reasoning of the School of Shammai is** that the number of lights is determined by how many **days are yet to come – the potential as it exists in a concealed state;** i.e., since there are eight days of Chanukah, the first day possesses the potential of all eight. **The logic of the School of Hillel is** that the number of lights depends on how many **days have already passed – the actualized and revealed state.**

As a whole, **the School of Shammai views every entity according to** the full measure of its potential: **what it could be,** what **hidden powers** it possesses. **The School of Hillel** rules **according to how the matter actually exists in its revealed form.**

**The root of this** distinction **is** this: **The School of Shammai derives from the realm of *gevuros,*** Divine might,[7] **and its Divine service follows the path of elevating** the material realm, endeavoring that it be raised to **the level of** its **hidden,** spiritual potential. **The School of Hillel derives from the realm of *chassadim,*** Divine kindness, **and its Divine service follows the path of drawing down** G-dly light, emphasizing **revelation.** In that context, the very name **Hillel** can be seen as implying **revelation, as indicated by the phrase,**[8] ***behilo neiro,* "when His lamp shone forth."**

כֹּחַ וְהֶעְלֵם. וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים מִשֶּׁיְּרַסֵּק - פּוֹעֵל וְגִילּוּי.

ב) נֵרוֹת חֲנוּכָּה, בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים[ג] יוֹם רִאשׁוֹן מַדְלִיק שְׁמוֹנֶה מִכַּאן וְאֵילַךְ פּוֹחֵת וְהוֹלֵךְ, וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים יוֹם רִאשׁוֹן מַדְלִיק אַחַת מִכַּאן וְאֵילַךְ מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ. טַעְמָא דְבֵית שַׁמַּאי כְּנֶגֶד יָמִים הַנִּכְנָסִין (הָעֲתִידִים לָבוֹא) - כֹּחַ וְהֶעְלֵם. וְטַעְמָא דְבֵית הִלֵּל כְּנֶגֶד יָמִים הַיּוֹצְאִין (שֶׁיָּצְאוּ כְּבַר) - פּוֹעֵל וְגִילּוּי.

- בֵּית שַׁמַּאי גֵייעֶן אַלֶע מָאל נָאךְ דֶער זַאךְ ווִי זִי קֶען זַיְין, לוֹיט דִי בַּאהַאלְטֶענֶע כֹּחוֹת. אוּן בֵּית הִלֵּל, - לוֹיט דֶער זַאךְ ווִי זִי אִיז, אַנְטְפְּלֶעקְטֶערְהֵייט -

(דֶער שֹׁרֶשׁ הָעִנְיָן אִיז: בֵּית שַׁמַּאי שָׁרְשָׁם מִבְּחִינַת הַגְּבוּרוֹת וַעֲבוֹדָתָם בְּדֶרֶךְ הַעֲלָאָה - בְּחִינַת הֶעְלֵם. וּבֵית הִלֵּל שָׁרְשָׁם מִבְּחִינַת הַחֲסָדִים וַעֲבוֹדָתָם בְּדֶרֶךְ הַמְשָׁכָה - בְּחִינַת גִּילּוּי. הִלֵּל מִלְּשׁוֹן בְּהִלּוֹ נֵרוֹ, גִּילּוּי[ד]).

6. *Shabbos* 21a.

7. *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 48c.

8. *Iyov* 29:3.

## The Potential or Its Manifestation

**2. The New Year for Trees is** marked at this time of year because this is when **the trees cease drawing their nourishment from the previous year's rainfall and begin drawing new nourishment.**[9] **The rainfall of the new year begins providing nourishment** for the trees **four months after the** Heavenly **judgment regarding** rainfall was made.

Our Sages[10] teach that **the** Heavenly **judgment regarding rainfall is issued during the Festival of Sukkos,** starting on **the fifteenth of Tishrei. Four months later, on the fifteenth of Shvat, the trees begin** to receive their **nurture from it.**

Nevertheless, the determination of the Heavenly **judgment regarding rainfall** is not a cut and dry matter. **On a revealed level, the judgment takes place on the Festival of Sukkos,** starting on the fifteenth of Tishrei. **Nevertheless, in a hidden state, the judgment is made on the first of** that **month, Rosh HaShanah, since** Rosh HaShanah **is** the Day of **Judgment for the entire world,** including all its details,[10] **including rainfall. It is only that, in actual fact, the judgment is issued on the fifteenth of Tishrei.**

**The trees actually begin deriving nurture from the rainfall of the new year four months after the judgment is revealed. Accordingly, it follows that, in a hidden manner, the new nurture begins on the first of Shvat – four months after the judgment regarding rainfall was determined in a hidden state.**

This explains the difference of opinion between the two schools: **The School of Shammai, which maintains that the determining factor is the potential** – even though as of yet, it is **hidden – holds that the first of Shvat is the New Year for Trees. By contrast, the School of Hillel, which maintains that the determining factor is the actual reality, holds that the fifteenth of Shvat is the New Year for Trees.**

ב. דֶער עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת אִיז, אַז דִי בֵּיימֶער הֶערְן אוֹיף יוֹנֵק זַיְין זֵייעֶר חַיּוּת פוּן דִי וַואסֶערְן פוּן אָפְּגֶעלָאפֶּענֶעם יָאר, אוּן עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זֵיי אַ נַיְיעֶ יְנִיקָה[ה].

דֶער זְמַן ווָאס דִי וַואסֶערְן פוּן נַיְיעֶם יָאר הוֹיבְּן אָן צוּ גֶעבְּן יְנִיקָה, אִיז פִּיר חֳדָשִׁים נָאךְ דֶעם וִוי זֵיי וֶוערְן נִדּוֹן.

בְּחַג (סוּכּוֹת) - ט"ו תִּשְׁרֵי - נִדּוֹנִין עַל הַמַּיִם[ו] אוּן אִין פִּיר חֳדָשִׁים אַרוּם - ט"ו שְׁבָט - הוֹיבְּן זֵיי אָן צוּ גֶעבְּן יְנִיקָה דִי בֵּיימֶער.

דָאס ווָאס הַמַּיִם נִדּוֹנִים בְּחַג, אִיז דָאס דֶער דִּין בְּפּוֹעֵל וּבְגִילּוּי. אָבֶּער בְּכֹחַ וּבְהֶעְלֵם אִיז דָאס בְּאֶחָד בְּתִשְׁרֵי, ווָארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אֶחָד בְּתִשְׁרֵי - אִיז דָאךְ נִדּוֹן כָּל הָעוֹלָם[ז], אוּן אִין דֶעם אִיז אוֹיךְ נִכְלָל מַיִם. מֶער נִיט ווָאס בְּפּוֹעֵל קוּמְט דָאס אַרוֹיס בְּט"ו בְּתִשְׁרֵי.

ווִיבַּאלְד אַז דִי יְנִיקָה פוּן דִי בֵּיימֶער בְּגִילּוּי פוּן דִי נַיְיעֶ וַואסֶערְן קוּמְט פִּיר חֳדָשִׁים נָאךְ זֵייעֶר דִּין בְּגִילּוּי, קוּמְט אוֹיס, אַז דִי נַיְיעֶ יְנִיקָה בְּהֶעְלֵם אִיז בְּאֶחָד בִּשְׁבָט - פִּיר חֳדָשִׁים נָאכְן דִּין הַמַּיִם בְּהֶעְלֵם.

דֶערְפַאר אִיז בֵּית שַׁמַּאי ווָאס זֵיי גֵייעֶן נָאכְן כֹּחַ בְּהֶעְלֵם, הַאלְטְן, אַז בְּאֶחָד בִּשְׁבָט רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת, וּבֵית הִלֵּל דְּאָזְלִי בָּתַר פּוֹעֵל, הַאלְטְן, אַז בְּט"ו בִּשְׁבָט רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת.

---

9. *Talmud Yerushalmi, Rosh HaShanah* 1:2.

10. *Rosh HaShanah* 16a.

11. *Devarim* 20:19.

**According to this reasoning, we see that even the School of Shammai agrees that the realization of the potential of the New Year for Trees** – the day on which they truly receive their new nourishment – **is the fifteenth of Shvat.**

לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס, אַז אוֹיךְ בֵּית שַׁמַּאי זַיְינֶען מוֹדֶה אַז דֶער פּוֹעֵל פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת אִיז בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט.

## Becoming Fruitful

3. A correspondence to **the New Year for Trees also exists concerning humans,** as indicated by the verse,[11] **"Man [resembles] a tree of the field."**

ג. דֶער עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת אִיז פַאראַן אוֹיךְ אִין דֶעם מֶענְטשְׁן, ווִי עֶס שְׁטֵייט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה[ח].

The defining **characteristic of a tree is that it produces fruit,** and **from its fruit grow additional trees that** also **produce fruit.**

דֶער עִנְיָן פוּן אִילָן אִיז ווָאס עֶר אִיז עוֹשֶׂה פֵּירוֹת - עֶר גִיט פְּרוּכְטְן - פוּן וועֶלְכֶע עֶס ווַאקְסְן אוֹיס נָאכְדֶעם נָאךְ אִילָנוֹת עוֹשֵׂי פֵּירוֹת.

**Similarly, all Jews must** produce fruit, i.e., **influence** others in **their surroundings – in the synagogue, in the *yeshivah*, and** in their communities **as a whole. They should** try to affect **all those with whom they come in contact, influencing them** so that **others will join** in Jewish life and practice.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד זַיְין אַ מַשְׁפִּיעַ אוֹיף זַיְין סְבִיבָה, אִין שׁוּל, אִין יְשִׁיבָה אוּן בִּכְלַל - אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן מִיט ווֶעלְכֶע עֶר טְרֶעפְט זִיךְ, דַארְף עֶר אוֹיף זֵיי מַשְׁפִּיעַ זַיְין, עֶס זָאלְן צוּקוּמֶען נָאךְ אִידְן.

**The blessing granted to them is that those whom they influence should resemble them and share their inner** vitality. **This is the greatest blessing that a tree** can be given, **as our Sages say,**[12] **"Tree, tree, with what shall I bless you? … [I bless you] that [all] your saplings shall be like you."**

דִי בְּרָכָה ווָאס מֶען גִיט אִים אִיז, אַז זַיְינֶע נְטִיעוֹת זָאלְן זַיְין כְּמוֹתוֹ - ווִי עֶר אַלֵיין אִיז - ווִי זַיְינֶע פְּנִימִיּוּת. ווָאס דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע בְּרָכָה פַאר אַן אִילָן, ווִי דִי רַז"ל זָאגְן, אִילָן אִילָן בַּמָּה אֲבָרֶכְךָ, שֶׁיִּהְיוּ נְטִיעוֹתֶיךָ כְּמוֹתְךָ[ט] (בּוֹים, בּוֹים, מִיט ווָאס זָאל אִיךְ דִיר בֶּענְטשְׁן, אַז דַיְינֶע פְלַאנְצוּנְגֶען זָאלְן זַיְין ווִי דוּ אַלֵיין).

The fulfillment of the blessing, **"that [all] your saplings shall be like you,"** relates to our Sages' discussion **in Tractate *Sanhedrin*.**[13] **After listing several signs** that will herald the coming of *Mashiach,* the Talmud quotes the verse,[14] "You, mountains of Israel, **sprout your branches and bear your fruit** for the sake of My people because they will soon come," and concludes, **"There is no clearer sign than this,"** meaning, **this is the most definitive indication of *Mashiach's*** imminent **arrival.**

אוּן בְּשַׁעַת עֶס ווֶעט זַיְין נְטִיעוֹתֶיךָ כְּמוֹתְךָ, אִיז ווִי דִי גְמָרָא אִיז מְסַיֵּים אִין מַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין[י], נָאךְ דֶעם ווִי עֶר רֶעכְנְט אוֹיס כַּמָּה קִצִּין, אַז בְּשַׁעַת עֶס ווֶעט זַיְין "עַנְפֵיכֶם תִּתְּנוּ וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ"[יא], אֵין לְךָ קֵץ מְגֻלֶּה מִזֶּה. דָאס אִיז דֶער אֶמֶת'עֶר סִימָן אַז מָשִׁיחַ קוּמְט.

---

12. See *Taanis* 5b.

13. *Sanhedrin* 98a.

14. *Yechezkel* 36:8.

**When we hold fast to the tree of life – our holy Rebbeim and the teachings of *Chassidus* – and influence other Jews** through these teachings, inspiring them to also connect to the Rebbeim and the teachings of *Chassidus,* our efforts will bear fruit. **"Your saplings will be like you"; we will be able to** proudly **proclaim, "See the seedlings that I have raised."**[15] **This** will be **a sign of the approach of the Future Redemption** to be led **by *Mashiach*.**

אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אָן בְּאִילָנָא דְחַיֵּי, כְּבוֹד קְדֻשַּׁת רַבּוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים וְתוֹרַת הַחֲסִידוּת, אוּן מֶען אִיז דָאס מַשְׁפִּיעַ אוֹיךְ אוֹיף אַ צְווֵייטְן אִידְן, בִּיז עֶס אִיז נְטִיעוֹתָיו כְּמוֹתוֹ, אַז מֶען וועט קֶענֶען זָאגְן רְאוּ גְּדוֹלִים שֶׁגִּדַּלְתִּי, דָאס אִיז אַ סִימָן אוֹיף קִירוּב הַקֵּץ פוּן דֶער גְּאוּלָּה הָעֲתִידָה עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

(משיחת ש"פ בשלח, ט"ו בשבט, תשט"ז)

---

15. Cf. *Rashi, Devarim* 22:21.

---

א) ברכות לו, ב.
ב) עוקצים פרק ג, משנה יא.
ג) שבת כא, ב.
ד) לקוטי תורה שיר השירים מח, ג.
ה) ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ב.
ו) ראש השנה טז, א.
ז) דאָרט.
ח) דברים כ, יט.
ט) זע תענית ה, ב.
י) צח, א.
יא) יחזקאל לו, ח.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editor*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie